בס"ד

# מאחורי הפרגוד

גליון ב' // טבת תשפ"ד לפ"ק // עיה"ב לאנדאן יצ"ו



# א בליק

## וואס טוט זיך אין אונזערע מוסדות

יוצ"ל ע"י

**ווער ההורים להצלת הדורות**

לאנדאן יצ"ו

טבת תשפ"ד לפ"ק


**צו איבערלאזן א מעסעדזש ביטע קלינגט:**

**0330.613.0140**

**פאסט קען מען שיקן צו:**

**PO Box 80446**

**London E5 5GU**

**אדער שיקט אן אימעיל צו:**

**vhofuk@gmail.com**

# אריינפיר

ברוכים הבאים צו אונזער צווייטער גליון פון די סעריע פון 'אונטער די קוליסן', ווי מיר וועלן בע"ה ווייטער ממשיך זיין אוועקצורוקן די פירהאנג און כאפן א בליק מהנעשה והנשמע צווישן די ווענט פון די מוסדות ווי אונזערע קינדער לערנען.

אויך דאסמאל וועלן מיר ממשיך זיין אזוי ווי אין אונזער פאריגע גליון ווי מיר וועלן צום ערשט ברענגען וואס די גוים פאדערן אין זייערע געזעץ ביכער, און דערנאך וועלן מיר ברענגען שטאפל ביי שטאפל וויאזוי די זאכן ווערן צוביסלעך איוסגעפירט מן הכח אל הפועל, [עס איז וויכטיג אנצומערקן אז נישט אלע בילדער קומען פון די זעלבע מוסד, ווי למשל ווען מיר רעדן אין אונזער היינטיגער גליון פון 'קאריער גיידענס' און עס זענען דא דערויף עטליכע בילדער, קומען זיי נישט פון די זעלבע מוסד, און די סיבה פארוואס מיר האבן זיי צוזאמגעשטעלט איז ווייל ביידע באציען זיך צו די 'קאריער פאדערונג', וטובים השניים מן האחד, צומאל קען מען בעסער ארויסהאבן א זאך ווען מען באטראכט עס פון צוויי עקסטערע קוק ווינקלען].

אונזער ערשטער גליון האט אפגעשיקט שאק כוואליעס איבער די גאנצע שטאט און די רעאקציעס זענען געווען העכער אלע ערווארטונגען, די וואויסמעיל און אימעיל פון די מערכת זענען פארפלייצט געווארן מיט רעאקציעס פונעם ציבור, סיי מיט קאנסטרוקטיווע קריטיק און סיי מיט הארציגע קאמפלימענטן, מיר טוען ביידע נעמען זייער ערנסט, און יעדע הערה אדער הארה וועט גענומען ווערן אין באטראכט אין אונזערע קומענדיגע גליונות בע"ה.

מיר וועלן זיך באציען צו איין הערה וואס מיר האבן באקומען פון אסאך ליינער, דהיינו: אז אסאך ליינער האבן אנגעמערקט איבער די סדר פון אויסשטעלן די נושאים, ווען יעדער איינער פון די מעוררים האלט אז לדעתו וואלט מען געדארפט מקדים זיין אדער מאחר זיין די דאקומענטן וואס לדעתם זענען מער הארר-אויפשטעלנד, און פון די פילע הודעות האבן מיר געזעהן אז 'כשם שאין פרצופיהם דומות כך אין דעותיהם דומות', יעדער איינער ווערט אויפגעציטערט, אויפגעשוידערט, צוטרייסלט פון א צווייטע זאך, איינעם כאפט מער א ציטער פון זעהן א בילד פון א קלויסטער אין א מוסד, און א צווייטער ווערט דערשראקן פון א בחינה

איבער איסלאם, און א דריטער ווערט צושווידערט פון די 'קדמה' פראגראם, און א פערטער ווערט צוטרייסלט פון די פארביגע בילדער פון גוים, דעריבער זענען מיר געקומען צו די החלטה אז מיר קענען נישט אויסרעכענען פון פאראויס צו וויסן וואס איז מער פאסיג צו זיין דער ערשטער, און מיר וועלן זיך האלטן ווייטער צו אונזער ביז יעצטיגער מהלך צו נעמען מכל הבא ליד און פארעפנטליכן דאקומענטן און בילדער מסודר לויט די געזעצן וואס די רעגירונג פאדערט באין מוקדם ומאוחר.

מיר האבן באקומען גאר אסאך אינפארמאציע און בילדער פון אונזערע ליינערס וואס האבן זיך מטריח געווען און גענומען די מיה צו שרייבן אדער לאזן וואויס מעסעדזשעס, און מיר דרוקן אויס אונזער טיעפסטער הכרת הטוב דערויף, ווייל אהן דעם כח הציבור קענען מיר נישט ממשיך זיין מיט אונזער ארבעט וואס איז געווידמעט בלויז לטובת הציבור.

**מיר ווילן באטאנען עטלכע נקודות פאר די וואס האבן אריינגעשיקט חומר:**

- מיר קענען בלויז אננעמען דאקומענטן אדער בילדער. מעשיות אדער שמועות איז נישט פאר אונזער גליון.
- אפילו אויב איר האט אריינגעשיקט א דאקומענט אדער א בילד, מוזן מיר זיך איבערצייגן אז די זאך איז טאקע פארגעקומען אדער געהאנגען געווארן לעיני התלמידים והתלמידות, און נאר נאכדעם וועלן מיר דאס קענען אריינלייגן ביי אונז אין גליון, און כדאי מיר זאלן דאס קענען באשטעטיגן וועלן די חברי המערכת זיך פארבינדן מיט איינגעשטעלטע אינעם מוסד צו מברר זיין די זאך לעמקו, דעריבער וועט עס געדויערן אביסל צייט ביז מיר וועלן דאס קענען פארעפנטליכן אין אונזערע קומענדיגע גליונות ואתכם הסליחה.
- איר מוזט זיך נישט אידענטיפיצירן ווען איר שיקט אריין דאקומענטן אדער בילדער, אבער כדאי צו פארשנעלערן די פארסעס פון מברר זיין די אמיתיות הדבר, ביטע לייגט צו די נאמען פונעם מוסד, און אויך בערך אין וועלכע תקופה די זאך איז פארגעקומען כדאי לייכטער צו מאכן די ארבעט.

יישר כח

# יעצט לאמיר כאפן א שטיקל בליק וואס נאך טוט זיך אין אונזערע מוסדות...



## וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ לֹא יָדְעוּ שָׂבְעָה

עס איז נישט גענוג פאר די אינסטאנצן אז מען שטעלט זיי צו איינע אדער עטליכע פון זייערע פאדערונגען, זיי האבן א גאר א גרויסן אפעטיט און אויך א ברייטע אויסוואל פון פאדערונגען וואס זיי פארלאנגען פון די מוסדות, און זיי וועלן נישט רוען ביז זיי וועלן נישט פילן אז מען האט זיי אלעס נאכגעגעבן ביז צו זייער לעצטע וואונטש רח"ל.

## צרה רודפת צרה

אינעם פאריגן גליון האבן מיר צוגעענדיגט מיט א בילד פון א קלויסטער וואס איז געהאנגען געווארן כדי יוצא צו זיין די פארלאנג וואס זיי פאדערן אז מען זאל ווייזן פאר די קינדער פון אונטער פינעף יאר אלע סארט פובליק פלעצער - אריינגערעכנט די געביידעס פון אנדערע גלויבנס - כדי זיך צו באקאנט מאכן מיט זיי.

דאס מאל וועלן מיר זעהן אז דער בראך איז ליידער אסאך אסאך טיפער...

די רעגירונג פאדערט פון די מוסדות
אויסצולערנען די קינדער איבער
"טאלעראנץ און רעספעקט"

# "אבער וואס ליגט אונטער די פאדערונג?"

Ofsted
raising standards
improving lives

The pupils should have an interest in exploring different faiths and cultural diversity.

איבערזעצונג אין אידיש: "מען דארף אנטוויקלען ביי די קינדער אן אינטערעסע צו חוקר ודורש זיין אנדערע גלויבענס און די צווישנשיידן וואס זענען פארהאן צווישן די קולטורן רח"ל"

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער: אז כדי יוצא צו זיין זייער פארלאנג פון טאלעראנץ און רעספעקט איז נישט גענוג בלויז צו לערנען מיט די קינדער וועגן אמונות טפילות, נאר מען דארף אנטוויקלען ביי די קינדער א נטייה צו אויספארשן יעדע זאך, אריינגערעכנט אנדערע רעליגיעס!

זיי ווילן קאלט מאכן אונזערע קינדער פון זייערע נאטורליכע תמימות דקדושה, און זיי צוגעוואוינען שוין פון קינדווייז אהן צו זיין חוקרים ומשכילים, ה' ירחם...

די הארץ צאפלט אז מען דארף בכלל אריינגיין אין אזא הייקעלע נושא, היעלה על הדעת?

אנצורירן די אמונה טהורה? טשעפען די תמימות דקדושה פון אונזערע קינדער'ס נשמות?

אבער דער מציאות טוט ווידעראמאל בייקומען די אילוזיעס



# עס איז אומגלויבליך אבער א פאקט!

עס כאפט א פחד צו קוקן, אבער אפילו אויב מיר וועלן אוועקדרייען אונזערע אויגן און נישט קוקן, וועט דאס נישט אפהאלטן די אויגן פון אונזערע קינדער פון עס יא צו קוקן, עס ליגט דאך אויסגעשפרייט אויף א ריזיגע וואנט, ומה יעשה הבן?

איר זעהט? א גאנצע וואנט אויסגעהאנגען פול מיט לאזונגען וואס פון יעדעס איינס פון זיי טריפעט אראפ שמאלציגע גיפט ...

אנשטאט אז די ווענט זאלן האבן די זכייה צו טראגן לאזונגען און אויסדרוקן וואס וועלן בע"ה אריינצוברענגען אין די קינדער די הייליגע יסודות פון:

**התהלך עמי בתמימות ..**

**צאי לך בעקבי הצאן...**

**חדש אסור מן התורה ...**

טוען די ווענט פראקלאמירן פאר די טייערע צאן קדשים פונקט דאס פארקערטע!

# רעספעקט און טאלעראנץ




אט לאמיר זיך באקענען נענטער מיט
עטליכע פון די לאזונגען וואס הענגען
אויף די פלאקאט און רעדן צו די קינדער:




א אנדערע לאזונג טוט
אנרייצן די נייגער פון די
קינדער צו פרובירן נייע
זאכן:

**"טוסטו צומאל
אויסוועלן זאכן
וואס זענען אביסל
אנדערש?"**




נאך א פראזע טוט צורעדן
די תמימות'דיגע קינד:

**"דעק אויף די
פאקטן! אויב א
צווייטער שלאגט
פאר א מיינונג,
האסטו ליב עס צו
מברר זיין?"**

”עס קען טאקע זיין גרינגער פאר אונז זיך צו באקענען מיט איינער וואס איז ענליך צו אונז ווייל מיר קענען שנעלער איפכאפן די זאכן וואס מיר זענען איינ'ג.

אבער אויב מיר טוען פארמאכן אונזערע מוחות און מיר טוען אפשטויסן מענטשן אדער זאכן וואס זענען ניי אדער אנדערש, קענען מיר דערלייגן.“



די הייליגע פלאם פון אמונה טהורה אין בורא כל עולמים מיט א פשטות, וואס כלל ישראל האט זיך מוסר נפש געווען דערויף אין אלע דורות במסירות נפש, אט דאס ווערט סיסטעמאטיש פארשוועמט מיט התחכמות'דיגע מעסעדשזעס און איפגעקלערטע לאזונגען וואס טוען צורעדן, אנרייצן, איינרעדן, און מפתה זיין צו פונקט דאס פארקערטע.



# ווער וואלט געגלייבט?!

א צעטיל וואס מיר האבן אריינבאקומען
פון א טיטשע'ר אין א גאר היימישע מוסד
וואס זי האט באקומען פון די הנהלת
המוסד מיט **פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי
אריינצוברענגען די אלע כפירה'דיגע לימודים**

## Pupils' SMSC development

**Defining spiritual, moral, social and cultural development**

**The spiritual development of pupils is shown by their:**

- ability to be reflective about their own beliefs, religious or otherwise, that inform their perspective on life and their interest in and respect for different people's faiths, feelings and values
- sense of enjoyment and fascination in learning about themselves, others and the world around them
- use of imagination and creativity in their learning
- willingness to reflect on their experiences.

**The moral development of pupils is shown by their:**

- ability to recognise the difference between right and wrong and to readily apply this understanding in their own lives, recognise legal boundaries and, in so doing, respect the civil and criminal law of England
- understanding of the consequences of their behaviour and actions
- interest in investigating and offering reasoned views about moral and ethical issues and ability to understand and appreciate the viewpoints of others on these issues.

**The social development of pupils is shown by their:**

- use of a range of social skills in different contexts, for example working and socialising with other pupils, including those from different religious, ethnic and socio-economic backgrounds
- willingness to participate in a variety of communities and social settings, including by volunteering, cooperating well with others and being able to resolve conflicts effectively
- acceptance and engagement with the fundamental British values of democracy, the rule of law, individual liberty and mutual respect and tolerance of those with different faiths and beliefs; they develop and demonstrate skills and attitudes that will allow them to participate fully in and contribute positively to life in modern Britain.

**The cultural development of pupils is shown by their:**

- understanding and appreciation of the wide range of cultural influences that have shaped their own heritage and those of others
- understanding and appreciation of the range of different cultures within school and further afield as an essential element of their preparation for life in modern Britain
- knowledge of Britain's democratic parliamentary system and its central role in shaping our history and values, and in continuing to develop Britain
- willingness to participate in and respond positively to artistic, musical, sporting and cultural opportunities
- interest in exploring, improving understanding of and showing respect for different faiths and cultural diversity and the extent to which they understand, accept, respect and celebrate diversity, as shown by their tolerance and attitudes towards different religious, ethnic and socio-economic groups in the local, national and global communities.



## געב א פינגער
## וויל ער א האנט

# א פרישע צרה!

אפסטעט׳ד פאדערט:

## CAREERS | קאריער״ס

Ofsted
raising standards
improving lives

“provide an effective careers programme in line with the government’s statutory guidance on careers advice”

אין אידיש: זיי פאדערן פון די מוסדות צושטעלן א אפעקטיוו עדיוקיישן אויסצולערנען קאריערס אין איינקלאנג מיט די גאווערמענטס הוראות אויף קאריער עדיוקיישן.

אויב מיינען מיר אז זיי טוען זיך באגנוגען מיט פשוטע פרנסות וואס היימישע אידן טוען סייוו, האט איר א גרויסן טעות.

לאמיר ארייננבליקן אין די הוראות פון די גאווערמענט און מיר וועלן זיך אליינס איבערצייגן אז זיי רעדן נישט פון קיין פרנסות, זיי רעדן פון א שאיפה צו שטודירן אין הויכע בילדונג אינסטוטוציעס, זיי ווילן אז דאס קינד זאל שוין יעצט אנהייבן צו חלומ'ען וואס ער גייט אויסוואקסן.

די גאווערמענטס הוראות אויף קאריער״ס עדיוקעשאן רעכנט אריין צווישען אנדערע:

**By the age of 16, every student should have had a meaningful with providers of the full range of educational opportunities, including sixth forms, colleges, universities and apprenticeship providers. This should include the opportunity to meet both staff and students.**

ווען א קינד קומט אהן צו די עלטער פון זעכצן יאר אלט מוז ער שוין האבן געהאט א באדייטפולע באגעגעניש מיט די פראוויידערס וואס שטעלן צו פולע עדיוקעישן געלעגנהייטן, ווי למשל: קאלעדזשעס, אוניווערסיטיס, און דאס דארף אריינרעכענען זיך צו טרעפן סיי מיט די שטאב מיטגלידער, ווי פראפעסארן און טיטשערס, און סיי מיט סטודענטן.

די געזעץ איז דאך אזוי קלאר און שארף, נו וואס טוהט מען? וויאזוי קומט מען איבער די שטייפע פאדערונג?



עס ציטערט די הענט, די אויגן גלייבן נישט וואס זיי זעהן, אבער יא, דער מציאות שטייגט איבער יעדע סארט פאנטאזיע.

מען הענגט אויף א פארביגע פלאקאט, מיט, - נישט מער און נישט ווייניגער - פונקטליכע אנווייזונגען, וויאזוי צו

# אויסקלייבן א יוניווערסיטי רח"ל!

לאמיר א בליק טאן אינעם פלאקאט און אפליינען די פאר שורות, וועלעכע סארט אפציעס און מעגליכקייטן זענע פארהאן אין יוניווערסיטי?

## תוכן הלימודים

- פראקטיש אדער טעארעטיש
- יסודות'דיג אדער ווירקזאם
- 3 יאר אדער 4 יאר
- איין עהרע אדער מערערע עהרעס

## לאקאציע

- אין בנין המוסד אדער אין שטאט
- קולטור אדער נאכט-לעבן (נייט לייף)
- אינדערהיים אדער אוועק פון דער היים

## טשאנסעס פאר עמפלוימענט

- גראדויאירטע באצאלונג
- גראדויאירטע דעסטינאציעס
- פארבינדונג צו אינדוסטריע

## קאסט

- אקאמאדאציע
- אהין פארן
- שכר מלמדות

## סטודענט סערוויס

- פאכן
- דיסאביליטי
- פינאנץ
- זיך גוט געפונען

## אקאדעמישע

## רעפוטאציע

- יוניווערסיטי ראנג
- טעמע ראנג
- סטודענטן לעבן
- טרינק פלעצער
- קאווע פלעצער
- צוזאם-קונפט פלעצער
- סאציאל געזעלשאפט
- ספארט

## באפעלקערונג

- וויפיל יונגלעך פער וויפיל מיידלעך
- וויפיל לערערס פער וויפיל סטודענטן

## עצות

- באזוך עטליכע אינטערעסאנטע יוניווערסיטיעטן
- פרעג לערערס וועגן קורסן א.ד.ג.
- רעד צו איצטיגע יוניווערסיטעט שולערס וועגן זייערע עקספיריענסעס




**און ניין, דאס איז נישט קיין רעקלאמע וואס איז געווארן געהאנגען אויף א רויטע באס אדער די UNDERGROUND**

**דאס איז א בילד פון א פאקטישע פלאקאט וואס הענגט אין איינע פון די היזיגע בתי חינוך**

# נאך אן אויסצוג פון דער
# Independent School Standards Guidance
# פאר קאריע"ר עדיוקעשא"ן

- Schools should not limit children's horizons but rather expand them, making sure that pupils have a broad view of the careers options open to them rather than the options being restricted to those that are available within a certain faith community.
- Careers guidance should therefore cover a broad range of the opportunities which are available in wider society, not just those of a type considered particularly appropriate to the school's pupils, and it is good practice to encourage work experience and similar initiatives.
- Evidence relevant to complying with this standard includes pupils being able to demonstrate an understanding of the career options available to enable them to succeed in adult life.
- Schools should not be suggesting that pupils do not enter further or higher education simply on the grounds that these forms of education are not favoured within a faith community

**אין אידישע איבערטייטשונג:**

- סקולס זאלן נישט באגרעניצן די קינדער'ס האריזאנט, נאר אדרבה עס מער אויסברייטערן, און מאכן זיכער אז די קינדער האבן א ברייטע בליק אויף די פארשידענע קאריער אפציעס וואס זענען אפען פאר זיי, ענדעשער ווי די אפציעס זאלן זיין איינגעצוימט בלויז צו די וואס זענען אוועילעבל אינערהאלב א געוויסע רעליגיעזע קאמיניטי.
- קאריערס גיידענס זאלן דעריבער דעקן א ברייטע אויסוואל פון מעגליכקייטן וועלכע זענען עוועילעבל אין די ברייטע גאס, נישט נאר די סארט וואס זענען פאררעכנט אלס צוגעפאסט פאר די תלמידים פון די סקול, דאס בעסטע איז אויב מען קען צו שטופן די תלמידים צו באקומען ארבעט עקספיריענס פון די קאריערס, אדער ענליכע איניציאטיוון.
- מען דארף צושטעלן באווייזן אז די תלמידים זאלן קענען דעמאסטרירן א פארשטענדעניש אין די פארשידענע קאריער אפציעס וואס זענען פאראן וואס וועט זיי ערמעגליכן צו מצליח זיין אין זייערע ערוואקסענע לעבן.
- סקולס זאלן נישט פארשלאגן אז די תלמידים זאלן נישט אריינגיין אין העכערע עדיוקעישן באזירט בלויז אויף די סיבה ווייל די דאזיגע פלעצער זענען נישט באליבט אינערהאלב א רעליגיעזע קאמיוניטי.

**די פאר שורות זענען גענוג אויף אונז צו געבן א קלארע בילד אז זיי רעדן בכלל נישט פון קיין פרנסות, זיי רעדן פון השקפה, זיי ווילן פשוט אויסברייטערן די בליק פון די סקול קינדער אז זיי זאלן זיך בעסער באקענען מיט די ברייטע וועלט וואס ליגט אויסגעשפרייט אינדרויסן פון די באקס.**

“A properly designed curriculum policy will need to take into account that………... some pupils may choose to leave their home or faith communities”

אבער לאמיר אביסל אריינקוקן אין
נאך אפאר שורות פון די גיידענס
און מיר וועלן קלוגער ווערן...

**פארוואס פאדערן זיי פון
סקולס אויסצולערנען די
קינדער איבער קאריערע
אפציעס וואס זענען
נישט מקובל אין זייערע
קאמיוניטי?**

**„א ריכטיג אויסגעשטעלטע קוריקולעם פאליסי
וועט דארפן נעמען אין חשבון אז עס קען זיין [חס
וחלילה...] אז געוויסע תלמידים וועלן מעגליך
אויסקלויבן צו פארלאזן זייער היים אדער זייערע
רעליגיעזע קאמיוניטי". רחמנא לשיזבן רח"ל.**



תכוונה עיניים מלראות, ותצילנה אזניים משמוע דאס איז
זייער כוונה, - געשריבן שווארץ אויף ווייס - זיי מיינען
גארנישט, זיי ווילן בלויז אנגרייטן דעם באדן פאר ח"ו....

אט זעהט וויאזוי זייער פינסטערע פלאן ווערט
אויסגעפירט הלכה למעשה, וויאזוי א היימישע
חדר טוהט דורכפירן א CAREERS WEEK
"א וואך פון קאריערער'ס" אויפצושפילן די
קאריער'ס בפועל - ווי יעדער קינד פארשטעלט
זיך און שרייבט צו נעבן זיין בילד זיינע שאיפות

# א שפיל מיט פייער

## מיט די עתיד פון אונזערע דורות





# אלה, הצאן



# מה, חטאו...

# מודעה נחוצה

מיר טוען אריינלייגן איבערמידליכע כוחות מפיץ צו זיין דעם גליון צו וואס מער הייזער אין ענגלאנד

אויב האט איר מחמת איזה סיבה נישט באקומען דעם גליון (אויך די פריערדיגע גליון) דעליווערט צו אייך אינדערהיים, ביטע לאזט א מעסעדזש אויף די וואויסמעיל מיט אייערע פונקטליכע אדרעס.

**0330.613.0140**

מיט דאנק

**וועד ההורים**
**להצלת הדורות**

## טייערע טיטשער

האט מען אייך געגעבן עפעס פארצולערנען און עס געפעלט אייך נישט דער תוכן. אבער איר האט נישט געהאט מיט וועמען איבערצושמועסן אייערע פארדאכטן?

## טייערע טאטע

אייער זוהן/טאכטער האט אהיים געברענגט עפעס פון חדר/סקול און אייער הארץ איז נישט איינשטימיג אז מען זאל דאס אויסלערנען פאר אידישע קינדער.

אבער איר האט זיך געפארכט צו רעדן מיט עימיצן דערוועגן?

## טייערע מלמד

איר זעהט א פלאקאט הענגען אין די קארידאר פון אייער מוסד און אייער געוויסן דיקטירט אייך אז דאס טויג נישט. אבער איר ווילט נישט איינשטעלן אייער פרנסה און אויפמערקן דערויף?

**איר ווילט שוין לאנג טון די ריכטיגע שריט און אויפרודערן א וועלט אבער איר האט נישט די מעגליכקייט? איר קענט שוין בארוהיגן אייער געוויסן! פון היינט און ווייטער האט איר אן אדרעס!**

שיקט אונז אריין די סחורה [אויב מעגליך זאל דאס זיין א ארגינעלע זאך, אבער אויב קענט איר נישט, איז א קלארע בילד אויך גוט] און מיר וועלן טון אייער שליחות און מפרסם זיין די זאך לעיני השמש און האפענטליך וועט דאס ברענגען די ריכטיגע אויפוואכונג און גורם זיין א שינוי לטובה.

ביטע שיקט'ס אריין צו די פאלגענדע אדרעס **PO Box 80446, London E5 5GU** אדער אימעיל **vhofuk@gmail.com** און מיר וועלן זיך מטפל זיין דערמיט אויפן בעסטן אופן.

**שטרענג קאנפידענשעל!** פילט אייך רוהיג און פארזיכערט צו מיטטיילן אייערע אינפארמאציע מיט אונז! אייער אידענטיטעט וועט אין קיין שום פאל נישט ארויסגעגעבן ווערן!



וועד ההורים
להצלת הדורות
לאנדאן יצ"ו